XLI.

## רעפּאָרמירטע נעזער.

מיין אייניקעל איז היינט געקומען פון שול מיט א וויכטיגע שטיקעל נייעס. ווי זיינער א חבר האָט איהם געזאָגט, האָט יענעמס א פריינד געהערט, אז זיין פאָטער האָט געלעזען אין א צייטונג, אז אין אמעריקא האָט זיך געפונען א מענש, א חכם, וועלכער זאָגט, אז ער קען איבערמאכען נעזער. א וואונדער־באַרע מדינה, אמעריקא! זי, די מוזשינקע פון דער וועלט, (ניט רעכענענדיג די „בייבי" אויסטראליע) ווערט וואָס פון טאָג קליי־נער, ווי פרוי איירָאפא — איהר מאמע, ווי פרוי אזיא — איהר באָבע, און וואקסט ווי אויף הייוועז. זי טראכט אויס יעדען ליעבען טאָג אנאנדער שטיקעל נייעס! א גערעטענעס, ווי איהר זעהט מיך א אידען!

איין טאָג האָט זי זיך געכאפּט, אז דעם מענשען'ס אויערען טויגען ניט. „לאנגע אויערן — האָט זי געזאָגט — זיינען דאָ פיעל, אָבער פון ווייטען קענען זיי ניט הערען. זי האָט זיך גענומען צו דער ארבייט און האָט אויסגעטראכט א טעלעפאָן. דערמיט איז זי נאָך אָבער ניט צופריעדען געוועזן. „דער מענש — האָט זי געזאָגט — האָט אפילו זעהר א לאנגען צונג, צייטענ־וויז, און זעהר א גרויסען מויל, אָבער דאָס, וואָס ער רעדט, הערט זיך נור בשעת ער רעדט און ניט מעהר." זי האָט זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט און עס איז געוואָרען א פאָ־נאָגראף.

היינט נעהמט זי זיך צו די נעזער.

* * *

ווי מיין אייניקעל זאָגט, איז דער פּלאַן ניט צו מאכען, אז נעזער זאָלען קענען בעסער דערשמעקען (אין דעם פרט דארף יענקי־

גנב קיין בעסערן נאָז ניט, ווי ער האָט), זאָנדערן אז נעזער זאָלען האָבען מעהר חן. דער נאָז־רעפאָרמער זאָגט, אז ער קען מאַכען פלאַציגע נעזער בולט און צו־אַרויסגעשטאַרצטע—פלאַכער; אז ער קען לאַנגע נעזער מאַכען קורץ און קורצע לענגליך; אז ער קען מאַכען שפיציגע נעזער פעררונדעט און נעזער, וועלכע זעהען אויס ווי געשאָבענע בולבעס, אביסעל צוגעשפיצט; אז ער קען מאַכען ברייטע נעזער שמעלער און שמאָלע — ברייטלעך; אז ער קען מאַכען חלב־בלייכע נעזער רויטליך און רויטע נעזער בלאַסער. בקיצור, ער קען מאַכען פון אייער נאָז, וואָס איהר ווילט אליין, אזא מין מכשף איז ער אייך.

* * *

איך ווייס ניט, צו איהר האָט געהערט פון קלעאָפאַטרע׳ס נאָז און פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטענס נאָז און פון פיעלע אַנדערע בעריהמטע היסטאָרישע נעזער, אָבער איך האָב אין דעם אויגענבליק אַרום זיי געטראַכט. נאַפּאָלעאָן, למשל, האָט אימער געקליבען מענשען מיט גרויסע, לאַנגע נעזער פאַר גענעראַלען און האָט איבערהויפּט ליעב געהאַט אַ מענשען מיט אַ לאַנגען נאָז. פון הערצאָג אַלבאַ׳ס נאָז האָט איהר געוויס געהערט — נו, אָט אזא נאָז איז ביי איהם געווען אַ גרויסער נושא־חן: עס קען זיין אז ער, נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט געוואָלט פיהרען די מענשהייט פאַר׳ן נאָז, האָט דערפאַר ליעב געהאַט אזעלכע נעזער, וועלכע מען קען בעקוועמער אָננעהמען מיט׳ן האַנד.

* * *

דאָן זיינען מיר אַרויפגעקומען אויף די געדאַנקען פיעלע פון מיינע בעקאַנטע ענגלישע אידען, — אידען, וואָס יאָ מענש, ניט מענש איז ביי זיי אַ קלייניגקייט, די הויפּטזאַך איז אויסזעהן ווי ענגלענדער, און וואָס דערצו שטערט זיי זייער אונגליקליכער נאָז. וואָס פאַר אַן אייגענס מיט געלד דער אַמעריקאַנער נאָזרעפאָרמער וואָלט געמאַכט אין די איין מזרח־וואַנד פון בייזוואָטער

סינאַגאָגע ! דען איהר מוזט וויסען, אַז כאָטש די אידישע אַרי־סטאָקראַטען זיינען אין שול אידען, ווילען זיי אין אַלע אַנדערע ערטער זיין ריינע דזשאָן־בולסקע ענגלענדער און זייער הייקערדי־גער לאַנגער נאָז מאַכט זיי נעבעך אָן גרויסע ענוים. זיי טרייסטען זיך דערמיט, וואָס גלעדסטאָן האָט אַ גרויסען נאָז און וואָס דער היינטיגער פינאַנץ־מיניסטער גאָשען האָט אַ לאַנגען נאָז און וואָס גאַמבעטטאַ, עליו השלום, האָט געהאַט אַ ברייטען נאָז. אָבער גלעדסטאָן לערנט חומש און עס קען זיין, אַז ער קומט אַרויס פון די עשרת־השבטים, גאָשען ווידער קומט געוויס אַרויס פון אידען און גאַמבעטטאַ איז געווען צו קלוג פאַר אַ גוי . . . אַ קליינינ־קייט, וואָס געלד ער האָט אָנגעקליבען אין די עטליכע קורצע יאָהר, וואָס ער איז געווען אַ פאָלקס־פריינד, דערצו נאָך, פער־געסט ניט, אויף איין אויג ; אַ פאָלקס־פריינד, וועלכער האָט טאַקע געמוזט דערשמעקען מיט'ן לאַנגען נאָז, וואָס ער האָט ניט דערזעהן מיט די בלינדע אויג. בקיצור, די נחמה איז אַ פוסטע. די באַקענבאַרדען, די שפיציגע, געשנירעוועטע שטיוועל, די קליי־דער, די רייד — אַלץ איז ענגליש, חוץ דער נאָז, אַ קאַטער אויף איהם !

* * *

און אַלכסנדר דעם דריטען'ס שפיר־הינד ! ווען דער גרויסער אַמעריקאַנישער רעפאָרמער וואָלט זיך גענומען צו זיי — סענדער וואָלט איהם אָבגעשאָטען מיט גאָלד ! ווייל די נעזער פון זיינע שפיאָנען מוזען זיין עטוואס מכולה, זיי דערשמעקען ניט אַלץ, און פיעל ווי זיי זיינען און שטאַרק ווי זיי שפירען נאָך, וואַקסט דאָך דער רעוואָלוציאָנערער גייסט כמעט אונטער זייער נאָז — ווי דער עולם זאָגט. צו מען דאַרף ביי די געטרייע שפיר־הינד די נעזער שפיציגער מאַכען, אָדער זיי אויסציהען — דאָס ווייס איך ניט, ווייל איך בין קיין נאָז־רעפאָרמער ניט (איבערהויפט קיין רעפאָרמער ניט) אָבער ער, דער אַמעריקאַנער, וואָלט שוין גע־וואוסט, וואָס מען דאַרף צו זיי טאָן ; ער וואָלט שוין געפונען אַ מיטעל.

ווי איהר זעהט, האב איך זיך דורך מיין אייניקעל'ס שמ-
קעל נייעם שטארק פערטראכט ארום נעזער. איהר וועט מיר
פיעלייכט ניט גלויבען, אבער איך זאג אייך, איך האב אנגעהוי-
בען צו קלערען, אז ווען דער נאז-פאבריקאנט וואלט קומען אהער
קיין לאנדאן, וואלט איך אפשר בשותפות מיט איהם מאכען א
שטיקעלע עסק. מיר וואלטען געקענט ארויסגעבען צוזאמען א
צייטונג. איך וואלט געשריבען דעם פאליטישען טהייל און ער
דעם וויסענשאפטליכען, ווייל א מענש, וואס קען מאכען פון א
הייקערדינען שנאבעל א שעהנעם גריכישען נאז מוז זיין זעהר גע-
בילדעט. ביי מיר איז אין פינף מינוט צייט אויסגעוואקסען א
גאנצער פלאן. אט, פערשטעהט איהר, מאך איך א צייטונג,
וועלכע איך גיב א נאמען: "דער נאז" און שרייב א שעהנעם
לייט-ארטיקעל אין וועלכען איך ערקלער נאטירליך, אז דאס, וואס
דאס בלאט הייסט „נאז" איז דאס ניט מחמת זי איז א אידיש-
נאציאנאלע צייטונג, זאנדערן ווייל זי אגיטירט פיר די אלגעמיינע
רעפארם פון נעזער. ביי מיר איז זאגאר אין די געדאנקען געבא-
רען געווארען א קליין געדיכטעלע, וועלכע איהר מעגט זעהען גלייך
דא אין דרוק:

ברענגט די נעזער,
ליעבע לעזער,
און מיין שותף וועט זיי רעפארמירען;
קורצע — לענגער,
ברייטע — ענגער
מאכט ער, ברידער, לאזט איהם נור פרובירען.
גרויסע — קלענער,
גראבע — שעהנער,
שטארק פערלענגטע נעזער מאכט ער שמעקען;
בלאסער — רויטע
גלייך — פערדרעהטע
מאכט ער, ווען איהר זאלט זיך נור ניט שרעקען.
אין ענינים

פון מנינים

און פון חברות, ווען איהר ווילט זיך מישען

ברענגט די נעזער,

ליעבער לעזער,

נור צוערשט מוזט איהר זיי . . . .

ווישען ? דאָס איז עפּעס ניט פּאָעטיש. וואו נעהמט מען דעם מאַן ? מיר ווילען אַרום דעם נאָך רעדען.